ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ב׳ ניסן

**(חלק כז)**

יוצא לאור על ידי מערכת

**״אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות

שבוע פרשת ויקרא, כו אדר־ג׳ ניסן, ה׳תשפ״ו (ב)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ב' ניסן*

א. עס איז ידוע וואָס כ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע האָט געזאָגט שעות אחדות לפני הסתלקותו[1]: „איך גיי אין הימל די כתבים לאָז איך אייך״.

מ׳האָט שוין גערעדט כמה פעמים[2], אַז יש לומר דעם פירוש אין דעם, אַז דורך די „כתבים״ האָט מען אים (און נאָך מער – מ׳האָט אים ווי ער געפינט זיך אין הימל).

וואָרום „צדיקים . . דומין לבוראן״[3]. און דעריבער, כשם ווי דער אויבער־שטער האָט כביכול זיך „אַריינגעגעבן״ אין תורה – ווי דער פירוש הידוע[4] אין מאמר חז״ל[5] „אנא נפשי כתבית יהבית״, אַז דער אויבערשטער האָט זיך אַליין („נפשי״) „אַריינגעשריבן״ און „אַריינגע־געבן״ אין תורה[6] – וואָס דערפאַר איז דורך תורה „אותי אתם לוקחים״[7],

איז עד״ז ביי צדיקים, אַז זיי „גיבן זיך אַריין״ אין די עניני תורה וואָס זיי האָבן געלערנט (ובפרט – וואָס זיי האָבן מחדש געווען). און דערפאַר, דורך לימוד תורתם פאַרבינדט מען זיך מיט זיי אַליין.

ב. פאַרגלייכנדיק דעם לשון פון רבי׳ן נ״ע מיטן לשון חז״ל הנ״ל (בקשר למתן תורה) – זעט מען אַ שינוי: אין חז״ל איז דער לשון „יהבית״ (אַ לשון נתינה), משא״כ דער רבי נ״ע האָט געזאָגט „די כתבים לאָז איך אייך״.

דער טעם אויף דעם י״ל לכאורה – ווייל דאָס איז בהתאם מיטן מצב דעמאָלט (שעות אחדות לפני הסתל־קותו), צו וועלכן עס פּאַסט דער לשון „לאָז״ (ווי מען געפינט אין הלכה[8] ביי מתנת שכיב מרע דער לשון „אני מניח״[9]).

אָבער ע״פ המדובר כמה פעמים וועגן דעם גודל הדיוק אין פתגמי רבותינו נשיאינו – אַז דער דיוק איז ניט נאָר מצד תוכנם הכללי, נאָר אויך אין יעדן וואָרט און אויסדרוק – איז מסתבר לומר, אַז דער דיוק הלשון „לאָז איך אייך״ איז (ניט נאָר מצד אַ זייטיקן ענין – מצד דעם מצב ביי וועלכן דאָס איז געזאָגט געוואָרן – נאָר דאָס איז) נוגע אויך צום תוכן הענין[10] וואָס דער רבי נ״ע האָט געוואָלט אַרויסברענגען אין

*) יום הסתלקות של כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע – ב׳ ניסן תר״פ. תולדותיו בפרטיות – ראה „חנוך לנער״, ס׳ התולדות אדמו״ר מהורש״ב (קה״ת תשל״ו. ועוד).

1) הועתק במכתב זקני אנ״ש – נדפס באגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע ח״א ע׳ קיג.

2) ראה לקו״ש חי״ז ע׳ 423. חכ״ב ס״ע 185. ועוד.

3) ב״ר פס״ז, ח. רות רבה פ״ד, ג. ועוד.

4) ראה לקו״ת שלח מח, סע״ד. אוה״ת יתרו ע׳ תתקא ואילך.

5) שבת קה, א (כגירסת הע״י).

6) ראה תניא פמ״ז.

7) ל׳ התנחומא אמור יז. וראה שמו״ר פל״ג, א. שם, ו. תנחומא תרומה ג.

8) שו״ע חו״מ סרנ״ג ס״ב. ובסמ״ע שם: שכן דרך ל׳ שכ״מ שמניח מעזבונו כו׳. וראה ביאור הגר״א שם.

9) או „אני עוזב״ דמהני ג״כ (ראה חי׳ רעק״א לשו״ע שם. וש״נ). וראה הערה הבאה.

10) ובפרט שלשון נתינה בודאי מהני. ולהעיר שיש דיעות „שאין ל׳ מניח משמעות של כלום״ (ראה פתחי תשובה שם. וש״נ). כן להעיר שי״א „דאני עוזב גרע מאני מניח ולא מהני״ (הובא בחי׳ רעק״א שם). – ויל״ע בתרגום לשון „לאָז״.

דעם פתגם (אַז דורך לערנען זיינע כתבים „נעמט" מען אים אַליין, כנ"ל).

ג. דער חילוק צווישן די צוויי לשונות הנ"ל — „יהבית" (נתינה) און „לאָז":

נתינה איז מדגיש אַז די זאַך קומט אָן צום מקבל מכח הנותן[11] — ס'איז ניט מוכרח קיין פעולה מצד המקבל אויף צו באַקומען די מתנה; משא"כ „לאָז" מיינט — אַז דער נותן גיט בלויז די אפשריות אַז דער צווייטער זאָל עס קענען נעמען; כדי אָבער אַז דאָס זאָל בפועל אָנקומען צום צווייטן אין רשות — מוז יענער דאָס אַליין נעמען (על ידי פעולתו).

די צוויי אופנים — „נתינה" און „לאָז" — געפינט מען דוגמתם אין לימוד התורה[12], ווי חז"ל[13] זאָגן „בתחילה נקראת (התורה) על שמו של הקב"ה (בתורת ה' חפצו[14]) ולבסוף נקראת על שמו (דהלומד — ובתורתו יהגה[14])": ווען מען לערנט תורה בלויז למיגרס[15], איז די תורה „נקראת על שמו של הקב"ה" — זי איז זיך מתייחס צום נותן התורה; בשעת אָבער ס'איז פאַראַן דער „יהגה"[15] (עיון התורה[16]) איז „נקראת על שמו", די דברי תורה ווערן זיינע (וויבאַלד אַז ער האָט זיי „גענומען" דורך זיין יגיעה כו') — „תורה דילי' היא"[17].

ועפ"ז יש לבאר דעם דיוק הלשון פון רבי'ן נ"ע „די כתבים לאָז איך אייך" — ווייל דאָס איז בהתאם מיטן חידוש שלו אין אופן גילוי תורת החסידות, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אַז די השגה אין פנימיות התורה זאָל קענען זיין (איינגאַנצן) מצד כח (שכלו ד)המקבל והלומד, וואָס ער „נעמט" די ענינים הנלמדים. כדלקמן.

ד. פון די חידושים עיקריים פון דעם רבי'ן נ"ע י"ל אַז ס'איז געווען — די התייסדות פון ישיבת תומכי תמימים[18], וואָס דער אויפטו פון דער ישיבה איז[19], אַז ס'איז איינגעשטעלט געוואָרן אין סדרי לימוד הישיבה אַ סדר פון לימוד החסידות.

וואָס איז דער חידוש פון לימוד החסי־דות אין דער „מסגרת" פון אַ ישיבה? דער ענין פון אַ ישיבה איז — לימוד התורה באופן של דיבוק חברים, פלפול התלמידים וכו', וואָס דורך דער שקו"ט כו' איז מען מלבן ומברר די סוגיא וואָס מען לערנט ביז זי קומט אַרויס קלאָר לכל פרטי'.

ועד"ז האָט דער רבי נ"ע איינגעפירט בנוגע צו לימוד תורת החסידות, אַז חסידות זאָל געלערנט ווערן אויף אַ „ישיבה'שן" אופן, ווי ער האָט געזאָגט[20], אַז ער וויל אַז דער אופן לימוד החסידות זאָל זיין „כלימוד הסוגיות בגליא שב־תורה" ביז אַז „החסידות יבינו כמו שמבינים ענין בנגלה". און דערפאַר האָט ער איינגעשטעלט דעם סדר פון לימוד החסידות אין דער ישיבה[21]

11) וכן במחז"ל הנ"ל „אנא נפשי כתבית יהבית" — שהקב"ה „נתן לנו את עצמו כביכול" (תניא שם) — ה"ז ענין שבא מלמעלה ואין בזה תפיסת יד אדם.

12) משא"כ ב„מתן תורה", כנ"ל הערה הקודמת.

13) ע"ז יט, א.

14) תהלים א, ב.

15) ראה ע"ז שם בהמשך הסוגיא. וראה חדא"ג שם.

16) ראה רש"י שם.

17) קידושין לב, ריש ע"ב.

18) ט"ו אלול תרנ"ז.

19) גם לגבי הישיבה בליובאוויטש בימי הצ"צ.

20) נעתק במכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר („התמים" ח"א ע' כג־ד [יג, א־ב]. ועוד).

21) קונטרס עץ החיים שלו פרק כה.

— אַז מען זאָל לערנען אגודות אגודות, יעדער אגודה זאָל לערנען דעם זעלבן ענין („סוגיא”) אין חסידות בכדי מען זאָל זיך דורכריידן כו' אין דעם ענין, ביז אַז דער ענין וועט קלאָר ווערן ביי די לומדים לכל פרטיו — ע"ד דעם סדר הלימוד פון גליא דתורה.

— וואָס אַזאַ אופן פון לימוד פנימיות התורה שטעלט מיט זיך פאַר אַ חידוש עיקרי לגבי די זמנים שלפנ"ז.

ה. אין פריערדיקע זמנים איז געווען אַ חילוק עיקרי צווישן לימוד נגלה דתורה און לימוד פנימיות התורה:

נגלה דתורה איז געגעבן געוואָרן אין אַן אופן אַז דער שכל אנושי פון אַ נברא זאָל קענען תופס זיין די סברות ושכל התורה. דאע"פ[22] וואָס תורה איז חכמתו של הקב"ה דלית מחשבה תפיסא בי', האָט אָבער דער אויבערשטער אַראָפּגע־נידערט חכמתו ית' באופן אַז אויך שכל האנושי זאָל עס קענען באַגרייפן (ביז באופן פון „נקראת על שמו”, עס ווערט „תורתו” — „תורה דילי' היא”).

משא"כ פנימיות התורה בלייבט בגלוי — תורת ה'. אין גאָר פריערדיקע דורות האָבן רוב בנ"י גענומען די ענינים מיט אמונה. ס'איז געווען העכער פון שכל הנברא אַז ער זאָל האָבן אין דעם אַ תפיסא [וי"ל אַז זהו אחד מפי' שם „קבלה” — עס קומט בקבלה איש מפי איש[23]].

אפילו אין די שפּעטערדיקע דורות (נאָכן אריז"ל), ווען די ענינים פון פני־מיות התורה זיינען נתפרש געוואָרן אין אַן אופן ביז עס זאָל קענען זיין „יתפרנסון”[24] — מ'זאָל זיי פאַרשטיין[25] (ניט נאָר באופן פון „גירסא בעלמא”[26]) —זיינען זיי אָבער ניט אַראָפּגעטראָגן גע־וואָרן ביז צו שכל אנושי ביז אַז ער זאָל זיי קענען תופס זיין[27]. דאָס איז פאַר־בליבן שכל אלקי וואָס קען באַנומען ווערן נאָר מיטן שכל פון נפש האלקית (וועלכער איז אַ ג־טלעכער שכל פון אַ ג־טלעכער נשמה, און קען תופס זיין די רוחניות'דיקע ענינים וואָס ווערן נתבאר אין פנימיות התורה).

[וי"ל אַז דערפאַר[28] איז ניט יעדער האָט געקענט משיג זיין די ענינים, נאָר די וועלכע האָבן געהאַט אַ העכערע נשמה, און דערצו נאָך — זיך מזכך געווען כדבעי אויף ווערן אַ כלי צו התגלות בהנשמה; משא"כ די וועלכע זיינען ניט „מזוככים” און האָבן ניט קיין נשמה גבוהה — האָבן ניט געקענט האָבן אַ השגה אין פנימיות התורה].

וואָס דאָס איז איינע פון די הסברות אין דברי הזהר[29], אַז אין פנימיות התורה איז „לית תמן לא קשיא כו'” (ניט ווי אין נגלה דתורה):

---

22) ראה תניא פ"ד.

23) וראה בארוכה הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות (נדפסה בקונטרס עה"ח — לבעל ההילולא — הוצאת קה"ת הוספה א — ס"ע 74 ואילך).

24) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה כסא מלך שם. הקדמת מקדש מלך לזהר. ועוד. — וראה הקדמת הרח"ו לשער ההקדמות שם.

25) וראה ס' השיחות תורת שלום ע' 185. שיחת י"ט כסלו תרס"ט (נדפסה בתו"ש הוצאת תשמ"ג בסופו).

26) ל' הכסא מלך שם.

27) ראה הקדמת הרח"ו שם (בקונטרס הנ"ל ע' 76): אין ספק שהדברים אלו לא יובנו בעיון אנושי חומריי' כו'.

28) ראה תורת שלום ע' 113.

29) רע"מ נשא (קכד, ב), הובא ונתבאר באגה"ק סכ"ו. וראה לקו"ש חכ"ה ע' 2־161, 164.

אַ קשיא איז דאָך אַן ענין פון העלם והסתר, אַ פאַרשטעל אויפן אמת פון תורה. און דעריבער: נגלה דתורה, וואָס איז אַראָפּגעקומען באופן אַז שכל אנושי זאָל זי תופס זיין, איז דאָ אין איר קשיות [ד.ה. די קשיות זיינען אַ חלק פון תורה גופא. כמדובר כמ"פ די ראי' לדבר: אפילו ווען איינער וועט וועלן לערנען בלויז אַ קשיא אין תורה, איז ער מחוייב לברך לפני' ברכת התורה]. ווייל אין שכל אנושי קען זיך ניט גלייך אָפּלייגן דער שכל התורה (חכמתו ית'). פריער זיינען דאָ אין שכל אנושי קשיות כו' ביז דער לומד איידלט אויס זיין שכל און איז עומד על אמיתית התורה.

משא"כ פנימיות התורה, וואָס איז ניט אַראָפּגעטראָגן געוואָרן אין שכל אנושי, נאָר בלויז פאַרן שכל פון נפש האלקית – וואָס ביים נפש האלקית לייכט תורה – איז „לית תמן לא קשיא כו'".

ו. נאָך מער:

עס איז ידוע[30] אַז דער אויפטו פון אַלטן רבי'ן בתורת חסידות חב"ד (ובפרט נאָך זיין גאולה בי"ט כסלו) איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט מלביש געווען די ענינים פון פנימיות התורה אין שכל (חב"ד), באופן „אַז אַלע – אפילו ניט קיין מזוככים" („חוצה") – זאָלן עס קענען פאַרשטיין מיט זייער שכל אנושי.

אָבער אעפ"כ, איז דאָס נאָך ניט געווען אין דעם זעלבן אופן ווי השגת נגלה דתורה – שכל אנושי מצד עצמו האָט ניט געקענט דערגרייכן אַ השגה גמורה אין פנימיות התורה; ס'איז נאָר אַז בשעת מ'האָט אים מסביר געווען אַן ענין אין פנימיות התורה, האָט זיך דאָס ביי אים געקענט אָפּלייגן.

[ובדוגמא ווי אַ רב וואָס לערנט מיט אַ תלמיד אַ טיפן שכל וואָס איז ניט בגדר אַז דער תלמיד מצד עצמו זאָל עס קענען משיג זיין, וואָס אפילו נאָך דעם ווי דער רב איז דאָס אים מסביר און עס לייגט זיך ביי אים, קען דער תלמיד ניט געפינען אייגענע אותיות כו' ווי צו מסביר זיין דעם שכל].

און דאָס איז געווען דער חידוש פון רבי'ן נ"ע, וואָס ער האָט אַראָפּגעטראָגן די ענינים פון פנימיות התורה באופן אַז די השגה אין זיי זאָל קענען זיין אין דעם זעלבן אופן ווי השגת נגלה דתורה. פונקט ווי נגלה דתורה איז „גלוי" פאַרן שכל אנושי באופן אַז ער האָרעוועט אין דעם ווי אין אַ שכל גשמי – אין דעם זעלבן אופן זאָל שכל אנושי זיך מתייגע זיין אין פנימיות התורה.

[בדוגמא ווי אַ רב וואָס טראָגט אַראָפּ דעם שכל עמוק צום תלמיד באופן אַז דער תלמיד קען דערנאָך זיך מתייגע זיין בזה בשכלו הוא און געפינען אייגע־נע אותיות והסברות ווי צו אַרויסגעבן דעם שכל].

און ווי מ'זעט עס אין די מאמרי חסידות שלו[31], אַז די זעלבע ענינים וועלכע ווערן נתבאר אין די מאמרים פון די נשיאי חב"ד שלפניו – קומען אין זיינע מאמרים מיט אריכות'דיקע הסברים כו', ועוד זאת – די הרצאת והסברת הדברים איז אין אַ סגנון וואָס שכל אנושי קען דאָס מסביר זיין (מיט זיינע „אותיות") און באַגרייפן, ע"ד ווי עס נעמט אַ דבר שכל פון נגלה דתורה[32].

---

30) ראה בארוכה תו"ש שבהערה 28. ובכ"מ.

31) ראה אודות מאמרי אדמו"ר נ"ע – לקו"ד ח"ב רצה, סע"ב ואילך. וראה גם לקו"ש ח"ז ע' 209.

32) וידוע הפתגם של חסידים הראשונים שכ"ק אדמו"ר נ"ע הוא „הרמב"ם דתורת החסידות" (לקו"ד שם רצו, א. וראה ס' השיחות תש"א ע' 160).

און דערפאַר האָט דער רבי נ"ע מדייק געווען בלשונו „די כתבים לאָז איך אייך" – ווייל דאָס איז פון די אויפטועץ פון זיינע כתבים, אַז שכל אנושי של האדם קען זיי „נעמען", ביז עס ווערט „תורתו – נקראת על שמו".

ז. דערפון האָט מען די הוראה:

עס זיינען פאַראַן אַזוינע וואָס לערנען טאַקע פנימיות התורה, אָבער זיי האָבן מורא צו פרעגן אַ שאלה ווען זיי פאַר־שטייען ניט דעם דבר הנלמד. ווי פרעגט מען אַ קשיא אויף אַן ענין אין פנימיות התורה? ס'איז דאָך „לית תמן לא קשיא כו'"! אַי, ער פאַרשטייט ניט – איז גענוג וואָס ער גלויבט באמונה שלימה אַז אַלץ וואָס שטייט אין פנימיות התורה איז אמת.

אויף דעם איז דער ענטפער, אַז דער רבי נ"ע האָט פותח געווען את הדרך, אַז דברי חסידות זאָלן קענען באַנומען ווערן דורכן שכל אנושי אין דעם אופן ווי נגלה דתורה. ד.ה. אַ לימוד בעיון און אין אַן אופן פון שקו"ט וכו'. און אַז מען פאַרשטייט ניט אַן ענין – איז „לא הביישן למד"[33] און מען דאַרף פרעגן וכו'.

33) אבות פ"ב מ"ה.

– אַוודאי, אפילו ווען מען פאַרשטייט ניט אַן ענין אין תורה (אויך בנגלה דתורה), דאַרף און מוז זיין נעשה קודם לנשמע, עס טאָר ניט זיין קיין ספק ח"ו באמיתית הדבר[34]; אָבער לאידך, קען מען ניט יוצא זיין הבנת התורה מיט קבלת עול. פאַרשטיין אַן ענין לבוריו מיינט – אַז ער פאַרשטייט בשכלו הוא ווי אַזוי די קשיא גייט אַראָפּ (אויך בפנימיות דתורה).

און דורך לימוד פנימיות התורה – שנתגלתה בדורות הללו אין תורת חסידות חב"ד אין אַן אופן פון הבנה והשגה שלימה (ע"ד די השגה פון נגלה דתורה) – ווערט דאָס אַ הכנה קרובה צו „אותו הזמן"[35] ווען „יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם שנאמר[36] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים".

(משיחת כ"ף מרחשון תשמ"ו)

34) וניכר גם באופן ובסגנון קושייתו, שאין בזה שום תנועה של עזות פנים ח"ו. כי מכיר שהחסרון הוא רק מצדו, „אם הוא ריק – מכם הוא" (ירושלמי פאה פ"א ה"א. שביעית פ"א ה"ה).

35) רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

36) ישעי' יא, ט.